**גוט שבת אלע אידן.** די ספירה טעג זענען א באזונדערע צייט צו ארבעטן אויף די מידות. דאס איז דאך מרומז אין דיווארט "מדה" וואס איז בגמטריא 49, ד"ה די טעג פון ספירה. די פאלגענדע מעשה ווייזט אויף א מורא'דיגע אופן דעם וויכטיגקייט פון ארבעטן אויף די מידות.

יעדער ווייסט אז דער אייבערשטער איז שטארק מקפיד אז קיינער זאל נישט טון וויי א יתום, ווייל יתומים זענען זייער סענסיטיוו. יצחק מרצל (נישט זיין עכטע נאמען) איז געווען א יונג קינד פון עלף יאר אלט ווען ער איז ליידער געווארן א יתום, ווען זיין מאמע איז פלוצלינג אוועק, ל"ע. אפילו יעדער איינער האט געוואוסט אז יצחק איז געווען א יתום, האט איין בחור אין ישיבה אבער געוואלט אים טשעפענען. דער נישט גוטער בחור האט געהייסן ירבעם סטאדלער (נישט זיין עכטע נאמען).

איין טאג אינדערפרי, ווען יצחק דער יתום איז געווען 14 יאר אלט, איז ער געווען אויפן וועג אריין אין ישיבה. ווען אר איז אנגעקומען צום טיר פונעם בית מדרש, האט ער באמערקט ירבעם, דער נישט גוטער בחור, שטיין אין דעם אריינגאנג. ירבעם, וואס איז געווען אפאר יאר עלטער ווי יצחק, איז באקאנט געווארן פאר זיין נישט גוטע אויפפירונג, בפרט מיט יונגערע בחורים וואס ער האט ליב געהאט צו טשעפענען. וועגן דעם האט יצחק אייביג פרובירט נישט צו האבן קיין שייכות מיט אים. ווען ער האט געזען ירבעם, האט יצחק זיך מיישב געווען אז ער גייט זיין שטאלץ און ער וועט נישט מורא האבן פון דעם נישט גוטן בחור, ווייל ער דארף זיך גיין לערנען!

ווען יצחק האט געוואלט אריינקומען, האט ירבעם אים געגעבן אזא שטויס, אז יצחק איז געפלויגען. "פארוואס האסטו דאס געטון?" האט יצחק געפרעגט ירבעם. "גיי אוועק פון דא, פאר איך געב דיר נאך איינס!"

יצחק איז צוריקגעגאנגען צום דארמעטורי ווי ער האט געוויינט פאר א לאנגע צייט. ער האט געוויינט אויף די וויי טאג פון זיין קני וואס איז געשעדיגט געווארן ווען ער איז אראפגעפאלן. ער האט געוויינט אויף דעם וואס ער איז שטארק פארשעמט געווארן. אבער, ער האט מערסט געוויינט וועגן זיין מאמע... אוי ווי ער האט געדארפט זיין מאמע יעצט!"

ווען יצחק האט זיך נישט געקענט צוריקהאלטן פון גרויס צער, האט ער געשאלטן דעם בחור וואס האט אים גורם געווען דעם שלעכטס. ער האט ארויפגעקוקט צום הימל און געזאגט, "השם! דער וואס האט מיך אטאקירט, ירבעם סטאדלער, זאל קיינמאל נישט האבן די שמחה פון חתונה האבן!"

די יארן זענען דורכגעגאנגען, און צוביסלעך האט ער ב"ה פארגעסן פון דעם צער וואס ירבעם האט געטון צו אים דעמאלט אין די ישיבה יארן. יצחק האט ב"ה חתונה געהאט און ער האט אנגעהויבן אויפצושטעלן א שיינע אידישע שטוב.

איין נאכט, האט יצחק באקומען אן אינטערעסאנטע טעלעפאן קאל וואס האט ליידער מעורר געווען די וויי טאג פון זיינע יונגע יארן. דער וואס האט אים גערופן איז געווען א שדכן יהודה לייב טאסק.

"איך האב געוואלט רעדן א שידוך צו א קרוב דיינער. און איך מיין אז דו קענסט דעם בחור פון ישיבה. אפשר קענסטו מיך געבן אביסל אינפארמעשין אויף יענעם?" האט דער שדכן געזאגט. "נו, ווער איז עס?" האט יצחק אים געפרעגט. "דו געדענקסט ירבעם סטאדלער?" האט דער שדכן אים צוריקגעפרעגט.

יצחק איז געווארן שטיל. די שלעכטע געפילן זענען צוריקגעקומען צו אים. זיין גאנצע קערפער איז געווארן פעסט און ער האט געהאלטן שטארק דעם טעלעפאן.

"נו, וואס זאגסטו וועגן אים..." האט דער שדכן געזאגט. "ער וועט קיינמאל נישט ווערן א חתן! ער וועט קיינמאל נישט חתונה האבן!"

"פארוואס זאגסטו אזוי, עס נעמט אביסל צייט אבער מען וועט אים טרעפן א שידוך." (ווייל ירבעם איז שוין געווען אן עלטערער בחור)

"יענער בחור..." האט יצחק אנגעהויבן צו זאגן מיט א ביטערקייט אין זיין שטימע. "וואס איז... וואס איז געשען?" האט דער שדכן געפרעגט.

מיט גרויס אומבאקוועמליכקייט, האט יצחק אנגעהויבן צו דערציילן דעם מעשה פון עטליכע יארן פריער. "איך מיין אז איך קען אים קיינמאל נישט מוחל זיין!" האט יצחק געזאגט פאר ער האט אראפגעלייגט דעם טעלעפאן.

אפאר נעכט שפעטער האט דער שדכן נאכאמאל גערופן יצחק. "איך האב גערעדט מיט ירבעם סטאדלער און ער זאגט אז ער געדענקט נישט גארנישט, אבער ער וויל דיך איבערבעטן."

"יעצט וויל ער מיך איבערבעטן?!? עס איז נישט אזוי פשוט..." האט יצחק געזאגט געדענקן נאכאמאל דעם ווייטאג און שאנד וואס ירבעם האט אים גורם געווען דעמאלט. "עס איז צו שווער פאר מיך מער צו רעדן וועגן דעם. ביטע ריף מיך נישט נאכאמאל וועגן דעם." האט ער געזאגט ווען ער האט אראפגעלייגט דעם טעלעפאן.

צען מינוט שפעטער האט די באקאנטע בעלת חסד רביצין וואגבערג גערופן יצחק. רביצן וואגבערג איז געווארן אזוי ווי א צווייטע מאמע צו יצחק ווען ער האט פארלוירן זיין מאמע ביי די עלף יאר, ל"ע.

"איך ווייס אז עס איז שווער," האט זי אנגעהויבן צו זאגן צו יצחק. "אבער ירבעם ווערט נישט יונגער. און ער האט נאך יונגערע ברידער און שוועסטער וואס וועלן אויך חתונה האבן."

יצחק האט שטארק מעריך געווען די רביצן'ס ווערטער. "איך וויל אים מוחל זיין, אבער עס איז פשוט צו שווער פאר מיך אים צו מוחל זיין בלב שלם... בסדר, איך גיי עס דורכטראכטן."

איבער די קומענדיגע טעג, איז יצחק דורכגעגאנגען דעם גאנצן מעשה אין זיין קאפ עטליכע מאל. סוף כל סוף, נאך אסאך צייט וואס ער האט עס דורכגעטראכט, האט ער געקענט אים מוחל זיין. ער איז אויפגעשטאנען פון זיין בענקל און ער האט געזאגט "ירבעם סטאדלער, איך בין דיך מוחל!"

יצחק איז נישט איבערראשט געווארן צו הערן אפאר וואכן שפעטער אז ירבעם סטאדלער איז טאקע געווארן א חתן!

מען קען ארויסלערנען אסאך ענינים פון דעם מעשה, למשל, ווי מען דארף אכטונג געבן נישט צו טשעפענען קיין יתומים און ווי מען דארף מוחל זיין יענעם. אויף דעם זאגט דער רמב"ם אין הלכות דעות, אז אויב איינער טוט יענעם אן אומרעכט, "מצוה עליו להודיעו ולומר לו 'למה עשית לי כך וכך ולמה חטאת לי בדבר פלוני...' ואם חזר ובקש ממנו למחול לו צריך למחול, ולא יהא המוחל אכזרי..." מוז דער וואס איז באליידיגט געווארן נאכגיין דעם מענטש וואס האט אים באליידיגט און ער מוז אים געבן מוסר אויף דעם וואס האט ער אים באליידיגט, און אויב יענער וויל אים איבערבעטן, מוז ער אים מוחל זיין. (דעות ו,ו)

אין די טעג זענען די כ"ד טויזענט תלמידים פון רבי עקיבא זי"ע געשטארבען ווייל "...שלא נהגו כבוד זה לזה," ווייל זיי האבן זיך נישט אויפגעפירט בדרך כבוד איינער מיטן צווייטן. (יבמות סב:)

לאמיר אלע נתעורר ווערן אויסצונוצן די ספירה טעג זיך צו בעסערן אין אונזערע מידות. דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו אלעס גוטס. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר יעקב שפירא הי"ו לרגל שמחת לידת נכדו

נתרם לרפו"ש של מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה, לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה, לע"נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע"ה

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**